# גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:58
מוצאי שב"ק.....................9:29
**שיעורים כסדרן**
נ"ך...................קהלת י"א-י"ב
בבלי.....................זבחים מ"ג
ירושלמי............עבודה זרה א'
תוספתא...............גיטין פרק ז'
רמב"ם............יבום וחליצה א'

פרשת נשא, י"ב סיון, שנת תשע"ח לפ"ק, אבות פרק א'
שנה 7, גליון 35 (346)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**נָשֹׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי גֵרְשׁוֹן גַּם הֵם לְבֵית אֲבֹתָם לְמִשְׁפְּחֹתָם**, מוֹהַרָא"שׁ אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א) אַז אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ דַארְף גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אוֹיךְ גְלֵייבְּן אִין זִיךְ, אַז עֶר אִיז אוֹיךְ חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים הָאבְּן. דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט לִיבּ צוּ צוּבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דִיר נִישְׁט, דוּ בִּיזְט גָארְנִישְׁט וֶוערְד, פוּן דִיר וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְן", דֶערִיבֶּער דַארְף זִיךְ אַ אִיד זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן וִויסְן אַז עֶר אִיז יָא זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. מִיט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס עֶר טוּט, מַאכְט עֶר אַ גֶעוַואלְדִיגֶע נַחַת רוּחַ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ב) אַז דִי וָואס זֶענֶען מְקוּרָב צוּ אַן אֶמֶת'ן צַדִיק פַאלְט אוֹיף זֵיי אַרוֹיף אַ שִׁפְלוּת, זֵיי פִילְן זֵייעֶר גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ, וַוייל כְּדֵי צוּ בַּאקוּמֶען דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען בַּאקוּמְט בַּיים צַדִיק, דַארְף מֶען קוֹדֶם דוּרְךְ גֵיין שְׁוֶועריקֵייטְן. דֶערִיבֶּער דַארְפְן דִי וָואס זֶענֶען מְקוּרָב צוּ אַ צַדִיק, זִיךְ סְפֶּעצִיעֶל זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צוּבְּרֶעכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער פָּסוּק פָארִיגֶע וָואךְ "**נָשֹׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי קְהָת**" הֵייבּ אוֹיף דִי קֶעפּ פוּן דִי בְּנֵי קְהָת, שְׁטַארְק זֵיי, זֵיי דַארְפְן אַסַאךְ חִיזוּק, וַוייל זֵיי זֶענֶען אַזוֹי נָאנְט צוּ אַזַא הֵיילִיגֶע פְּלַאץ, צוּם הֵיילִיגְן מִשְׁכָּן, דֶערְפַאר זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן, אוּן זֵיי דַארְפְן אַז דוּ זָאלְסְט זֵיי מְחַזֵק זַיין.

זָאגְט אָבֶּער דֶער פָּסוּק אוֹיךְ "**נָשֹׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי גֵרְשׁוֹן גַּם הֵם**", דִי בְּנֵי גֵרְשׁוֹן זֶענֶען אוֹיךְ נָאנְט צוּם מִשְׁכָּן, זֵיי דַארְף מֶען אוֹיךְ אוֹיפְהֵייבְּן אוּן מְחַזֵק זַיין. "**לְבֵית אֲבֹתָם לְמִשְׁפְּחֹתָם**", זֵיי זָאלְן וִויסְן פוּן וָואסֶערֶע חָשׁוּב'עֶ מִשְׁפָּחָה זֵיי שְׁטַאמֶען. זֵיי זָאלְן זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּפַאלְן אוּן צוּבְּרָאכְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס וִויל זֵיי צוּבְּרֶעכְן, נָאר זֵיי זָאלְן גֶעדֶענְקְן אַז זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה, נָשֹׂא א')

***

**יְבָרֶכְךָ ה' וְיִשְׁמְרֶךָ**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר בֶּענְטְשְׁן אוּן אָפְּהִיטְן. זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ (בַּמִדְבָּר רַבָּה יא, ה) **יְבָרֶכְךָ ה'**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר בֶּענְטְשְׁן מִיט גֶעלְט. (בַּמִדְבָּר רַבָּה יב, ג), **וְיִשְׁמְרֶךָ**, אוּן אָפְּהִיטְן פוּן מַזִיקִים.

מוֹהַרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ח) אַז בֶּאֱמֶת וָואלְט יֶעדֶער אִיד גֶעדַארְפְט הָאבְּן גֶעלְט, נָאר עֶס אִיז דָא אֵיין שְׁלֶעכְטֶע מִדָה וָואס דָאס נֶעמְט אַוֶועק דִי גֶעלְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן דִי מִדָה, אֲפִילוּ וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז דוּרְךְ דֶעם וֶועט מֶען פַארְלִירְן גֶעלְט, קֶען מֶען זִיךְ אָבֶּער נָאךְ אַלְץ נִישְׁט מִתְגַבֵּר זַיין דֶערוֹיף.

אוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָה אִיז "כַּעַס". כַּעַס אוּן גֶעלְט קוּמֶען פוּן דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ, וֶוען מֶען וֶוערְט אִין כַּעַס, מֶען רֶעגְט זִיךְ אוֹיף, דוּרְךְ דֶעם פַארְלִירְט מֶען דִי גֶעלְט. וֶוען דֶער יֵצֶר הָרַע זֶעט אַז עֶס דַארְף יֶעצְט אַרָאפְּקוּמֶען הַשְׁפָּעוֹת פוּן גֶעלְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ, שְׁטֶעלְט עֶר אִים אוּנְטֶער אַ נִסָיוֹן פוּן כַּעַס, אוּן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ פַאלְט דוּרְךְ, עֶר וֶוערְט גֶערֶעגְט, פַארְלִירְט עֶר זַיין גֶעלְט. וַוייל מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶערֶעגְט בַּאשַׁאפְט עֶר שְׁלֶעכְטֶע מַזִיקִים, וָואס זֵיי זֶענֶען אִים מְצַעֵר אוּן מַאכְן שָׁאדְן זַיין גֶעלְט.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק "**יְבָרֶכְךָ ה' בְּמָמוֹן**" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר בֶּענְטְשְׁן מִיט גֶעלְט, אָבֶּער עֶס פֶעלְט נָאךְ אוֹיס "**וְיִשְׁמְרֶךָ מִן הַמַּזִיקִין**" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר אָפְּהִיטְן פוּן דִי מַזִיקִים וָואס וֶוערְן בַּאשַׁאפְן פוּן כַּעַס, אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, אַזוֹי וֶועט מֶען הָאבְּן אַסַאךְ גֶעלְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה נָשֹׂא ג')

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### נָאכְנִישְׁט אִינְגַאנְצְן פֶּערְפֶעקְט

גַאֲוָה אִיז זֵייעֶר אַ שְׁלֶעכְטֶע מִדָה, דִי מִדָה צוּבְּרֶעכְט זֵייעֶר אַ מֶענְטְשׁ, עֶס לָאזְט אִים נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין, אוּן עֶס נֶעמְט אִים אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט צוּ וָואס עֶר קֶען אָנְקוּמֶען, עֶר אַנֶערְקֶענְט אַז עֶר קֶען נָאךְ גֶעוואוּיר וֶוערְן נֵייעֶ זַאכְן, עֶר וֵוייסְט אַז עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט אִינְגַאנְצְן פֶּערְפֶעקְט, דַאן וֶועט עֶר נִישְׁט וֶוערְן אַזוֹי צוּבְּרָאכְן וֶוען עֶר זֶעט אַז עֶפֶּעס אִיז אִים נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעוָואלְט, עֶר פַארְשְׁטֵייט אַז עֶר אִיז נִישְׁט דֶער גְרֶעסְטֶער אוּן בֶּעסְטֶער, עֶר קֶען נָאךְ מַאכְן טָעוּתִים, אוּן עֶר לֶערְנְט זִיךְ פוּן דִי טָעוּתִים, עֶר פְּרוּבִּירְט זֵיי צוּ פַארֶרעכְטְן אוּן צוּ זֶען אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט נָאכְאַמָאל אִיבֶּער'חַזֶר'ן.

אַ מֶענְטְשׁ וָואס הַאלְט זִיךְ אָבֶּער גְרוֹיס, עֶר מֵיינְט אַז עֶר אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער אוּן גֶעלוּנְגֶענְסְטֶער מֶענְטְשׁ, עֶר אִיז שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שְׁלֵימוּת, דַאן וֶוען עֶר הָאט דוּרְכְפַאל, זַאכְן

<<<<<<

## א גוט ווארט

יֶעדֶער אֵיינֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קיט): יֶעדֶער אֵיינֶער לַיידְט יִסוּרִים, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין מֶענְטְשׁ וָואס זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין יִסוּרִים אוּן אֲפִילוּ דִי גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים זֶענֶען אוֹיךְ פוּל מִיט יִסוּרִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (אִיּוֹב ה, ז): "אָדָם לְעָמָל יוּלָּד, קְצַר יָמִים וּשְׂבַע רֹגֶז", אַ מֶענְטְשׁ אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן זִיךְ צוּ מוּטְשֶׁען, דָאס לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז וֵויינִיג אוּן פוּל מִיט וֵוייטָאג, אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ (קֹהֶלֶת ב, כג): "גַּם כָּל יָמָיו כַּעַס וּמַכְאוֹבוֹת", דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז פוּל מִיט כַּעַס אוּן וֵוייטָאג; עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם עֵצָה וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה.

דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ, אַז מֶען דַארְף נֶעמֶען דֶעם 'עָמָל', וָואס עֶס שְׁטֵייט 'אָדָם לְעָמָל יוּלָּד', אוּן עֶס אַרַיין לֵייגְן אִין דִי תּוֹרָה, 'אַשְׁרֵי מִי שֶׁעֲמָלוֹ בַּתּוֹרָה'; אַז מֶען לֵייגְט אַרַיין דִי פְּלָאג אִין גוּטֶע זַאכְן בְּלַייבְּט עֶפֶּעס אִיבֶּער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אָבֶּער אַז מֶען פְּלָאגְט זִיךְ פַאר סְתַּם זַאכְן וֶוערְט מֶען פָּשׁוּט פַארְשְׁוַוארְצְט.

נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם): "אֶפְשָׁר יֵשׁ גַּם עוֹלָם הַזֶּה גַּם כֵּן בְּאֵיזֶה עוֹלָם, כִּי בְּכָאן נִרְאֶה שֶׁהוּא הַגֵּיהִנֹּם כִּי כֻּלָּם מְלֵאִים יִסּוּרִים גְּדוֹלִים תָּמִיד", אֶפְשָׁר אִיז דָא אוֹיבְן אִין הִימְל אַ וֶועלְט וָואס הֵייסְט 'עוֹלָם הַזֶּה', וַוייל דָא אִיז נִישְׁט דָא קַיין עוֹלָם הַזֶּה, דָא אִיז דֶער גֵיהִנֹּם אַלֵיין, וַוייל יֶעדֶער אִיז פוּל מִיט יִסוּרִים.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת, אַ גְמָרָא אוּן כַאפּ אַרַיין פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן דַפִּים גְמָרָא, נָאר דָאס וֶועט אִיבֶּער בְּלַייבְּן פוּן אוּנְז.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' נָשֹׂא תשע"ח)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## אִיךְ זִיץ אִין אַ יְשִׁיבָה אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן אִיךְ גֵיי אוֹיס פַאר לֵיידִיג גֵיין, וָואס טוּ אִיךְ?

### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

קוֹדֶם אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע דְרָשׁוֹת, חִיזוּק, אוּן נִיגוּנִים, וָואס זֶענֶען מִיר זֵייעֶר מְחַיֶה.

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן אַמֶערִיקֶע וָואס לֶערְנְט, דָאס מֵיינְט אִיךְ זִיץ, אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אוּן אִיךְ וֶוער מַמָשׁ מְשׁוּגָע פַאר לֵיידִיג גֵיין. אִין דִי יְשִׁיבָה וואוּ אִיךְ בִּין דָא אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם הַשְׁגָחָה אוּן קַיין שׁוּם מִסְגֶרֶת, אוּן וָואס סְ'פַּאסִירְט אִיז אַז אֲפִילוּ אַ גוּטֶער טָאג וֶוען אִיךְ בִּין מַצְלִיחַ צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל, בְּלַייבְּט מִיר אָבֶער אִיבֶּער רוֹב טָאג וָואס גֵייט אַוֶועק מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, אוּן אִיךְ וֶוער מְשׁוּגָע דֶערְפוּן.

אִיךְ קוּם פוּן אַ בַּאלֶעבַּאטִישֶׁער שְׁטוּבּ, בָּחוּרִים שְׁרֵייעֶן אוֹיף מִיר אַז אִיךְ בִּין נַארִישׁ אַז אִיךְ פָאר נִישְׁט אַרוּם אִיבֶּערָאל צוּ הַאקְן אַ לֶעבְּן, וָואס זָאל אִיךְ אָבֶּער טוּן אַז עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט דִי אַלֶע זַאכְן.

אִיךְ וָואלְט גֶעהַאט חֵשֶׁק צוּ גֵיין אַרְבֶּעטְן אִין אַ נָארְמַאלֶע דְזְשַׁאבּ, אוּן לֶערְנֶען צוּפְרִי אוּן בַּיינַאכְט. אִיךְ שְׁפִּיר אַז דֶעמָאלְט וָואלְט אִיךְ גֶעהֶערִיג אוֹיסְגֶענוּצְט דֶעם טָאג אוּן מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אִין לֶעבְּן. לְמַעֲשֶׂה אִיז דָאס אָבֶער נִישְׁט מֶעגְלִיךְ וַוייל דִי סִיסְטֶעם אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַזוֹי, אוּן סְ'קוּמְט אוֹיס אַז אִיךְ מוּז בְּלַייבְּן זִיצְן אִין יְשִׁיבָה אוּן מְשׁוּגָע וֶוערְן מִיטְ'ן לֵיידִיגְן טָאג.

מַיין וֵוייטָאג אִיז בֶּאֱמֶת זֵייעֶר גְרוֹיס, אוּן אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט הָאבְּן אַן עֵצָה פַאר מִיר.

**אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.**

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר, ג' סִיוָן, מ"ז לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין עֶרְגֶערֶע זַאךְ וִוי גֵיין לֵיידִיג, אַלֶע עֲבֵירוֹת קוּמֶען פוּן גֵיין לֵיידִיג. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבּוֹת נט:): "הַבַּטָלָה מְבִיאָה לִידֵי זִמָּה", גֵיין לֵיידִיג בְּרֶענְגְט צוּ דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת, "וְלִידֵי שִׁעֲמוּם", אוּן אוֹיךְ בְּרֶענְגְט עֶס צוּ דֶעפְּרֶעסְיֶע; נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז גֶעמַאכְט צוּ לֶערְנֶען אַ גַאנְצְן טָאג, וֶוען אַ בָּחוּר אָדֶער אִינְגֶערְמַאן גֵייט לֵיידִיג דַארְף עֶר לֶערְנֶען זַיינֶע שִׁיעוּרִים צוּפְרִי אוּן בַּיינַאכְט אוּן גֵיין אַרְבֶּעטְן דוּרְכְן טָאג אָנְצוּפִילְן זַיינֶע טֶעג.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ דִי זְכִיָה צוּ לֶערְנֶען מִיט תַּלְמִידִים דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; דִי גַאנְצֶע וֶועג וִוי אַזוֹי מִיר פִירְן דִי יְשִׁיבָה הָאט מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט. אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט בַּיי אוּנְז אִין יְשִׁיבָה אִיז אַז אוֹיבּ אַ בָּחוּר גֵייט לֵיידִיג זָאל עֶר עֶנְדֶערְשׁ גֵיין אַרְבֶּעטְן (פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אִין אַן עֶרְלִיכֶע אַרְבֶּעט); עֶר זָאל קוּמֶען אִינְדֶערְפְרִי אָדֶער נָאכְמִיטָאג צוּ אַ שִׁיעוּר, דִי אִיבֶּערִיגֶע שָׁעוֹת זָאל עֶר זַיין בַּאשֶׁעפְטִיגְט, וַוייל פוּן גֵיין לֵיידִיג קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס קַיין גוּטְס.

דֶערִיבֶּער אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ זִיצְט לֵיידִיג אוּן דוּ וֶוערְסְט מְשׁוּגָע פוּן לֵיידִיג גֵיין - זָאלְסְטוּ שׁוֹין אַהֵיים קוּמֶען, וַוייל אַז דוּ וֶועסְט דָארְט בְּלַייבְּן וֶועסְטוּ אַרַיין פַאלְן אִין אַ טִיפֶע דֶעפְּרֶעסְיֶע וָואס מֶען קֶען זִיךְ מוּטְשֶׁען אוּן זִיךְ אָפְּלַיידְן פוּן דֶעם אַ גַאנְץ לֶעבְּן; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ הֶעלְפְן דַיין מַאמֶע, אָדֶער גֵיין הֶעלְפְן דַיין טַאטֶע בַּיי זַיין אַרְבֶּעט וִוי צוּ פַארְלִירְן דַיין לֶעבְּן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדּוֹת, אוֹת נִאוּף, חֵלֶק ב', סִימָן י): "אִישׁ בָּטֵל שֶׁאֵין עוֹסֵק בְּשׁוּם עֵסֶק, עַל יְדֵי זֶה תַּאֲוָותוֹ מְרֻבָּה וְכוּ', וּמְדַבֵּר דִבְרֵי טִנּוּף תָּמִיד", וֶוער

<<<<<<

>>>>>>

הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעקְלֶערְט, וֶוערְט עֶר זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן דֶערְפוּן, "וָואס הֵייסְט? אִיךְ זָאל הָאבְּן אַזַא דוּרְכְפַאל? וִוי אַזוֹי הָאט דָאס גֶעקֶענְט גֶעשֶׁען צוּ מִיר?", אוּן דָאס נֶעמְט אִים אַוֶועק דִי מוּט אַז עֶר זָאל נִישְׁט קֶענֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין, עֶס נֶעמְט אִים אַוֶועק דֶעם אַפֶּעטִיט פוּן פְּרוּבִּירְן צוּ דֶערְגְרֵייכְן עֶפֶּעס הֶעכֶערְס אוּן בֶּעסֶערְס. קוּמְט אוֹיס אַז דִי גַאֲוָה הַרְגְ'ט אַוֶועק דֶעם מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן.

חַזַ"ל זָאגְן (עֲרָכִין ט"ו:) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אוֹיף אַ בַּעַל גַאֲוָה "אֵין אֲנִי וְהוּא יְכוֹלִין לָדוּר בִּכְפִיפָה אַחַת", מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס, שְׁטוּפְּט עֶר אַוֶועק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן זִיךְ, עֶר קֶען נִישְׁט וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט אַז עֶר אִיז שׁוֹין גֶענוּג גְרוֹיס, עֶר פַארְשְׁטֵייט שׁוֹין אוּן וֵוייסְט שׁוֹין אַלֶעס אַלֵיין, דַאן וֶועט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט וֶועלְן הֶערְן וָואס אַ צְוֵוייטֶער זָאגְט אִים. אוּן דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער וָואס וֶועט לַיידְן פוּן דֶעם אִיז נָאר דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיין, עֶר וֶועט נִישְׁט הָאבְּן דִי גֶעלֶעגְנְהֵייט זִיךְ צוּ לֶערְנֶען נֵייעֶ זַאכְן, אוּן מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זֵייעֶר נִישְׁט לִיבּ צוּ זַיין נֶעבְּן אַ בַּעַל גַאֲוָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זי"ע פְלֶעגְט אַרוּם גֵיין גָלוּת לַיידְן. אֵיינְמָאל אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען אִין אַ שְׁטָאט, קֵיינֶער דָארְט הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וֶוער עֶר אִיז, אוּן עֶר הָאט גֶעהֶערְט וִוי צְוֵויי תַּלְמִידֵי חֲכָמִים רֶעדְן צְוִוישְׁן זִיךְ, אֵיינֶער זָאגְט פַארְ'ן חַבֵר: "אִיךְ זֶע דִי אִינְגֶעלַייט וָואס קוּמֶען צוּרִיק פוּן לִיזֶענְסְק מִיט אַ נֵייעֶם בְּלִיק אִין לֶעבְּן, מֶען קֶען דֶערְקֶענֶען דָאס יִרְאַת שָׁמַיִם אוֹיף זֵייעֶרֶע פְּנִימְ'עֶר, אֶפְשָׁר לוֹינְט זִיךְ אַז מִיר זָאלְן אוֹיךְ אַהִין פָארְן". זַיין חַבֵר הָאט אִים אָבֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עֶס פַּאסְט דָאךְ נִישְׁט פַאר אוּנְז צוּ פָארְן אַהִין, מֶענְטְשְׁן וֶועלְן זָאגְן אַז מִיר זֶענֶען אָפְּגֶערִיסֶענֶע בַּטְלָנִים אוּן מִיר פָארְן צוּ אַ חַסִידִ'ישְׁן רֶבִּי'ן".

וֶוען דֶער צַדִיק אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען אִיז עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר פַארְ'צַעַרְ'ט, עֶטְלִיכֶע טֶעג הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט עֶסְן פַאר גְרוֹיס צַעַר, עֶר הָאט דִי גַאנְצֶע צַייט גֶעזָאגְט: "דֶער פַּאסְטוּךְ לָאזְט נִישְׁט מָשִׁיחַ'ן קוּמֶען". מֶען הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר מֵיינְט צוּ זָאגְן. אוּן וֶוען זַיין זוּן הרה"ק רֶבִּי אֶלְעָזָר זי"ע הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דִי וֶוערְטֶער, הָאט עֶר אִים דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען גָלוּת לַיידְן הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן אִינְגֶעלַייט וָואס וָואלְטְן גֶעקֶענְט גָאר שְׁטַארְק שְׁטֵייגְן אִין אִידִישְׁקֵייט, וֶוען זֵיי גֵייעֶן וֶוען צוּ אַ צַדִיק, נָאר זֵיי קֶענֶען נִישְׁט גֵיין וַוייל "סְ'פַּאסְט דָאךְ נִישְׁט". דֶערִיבֶּער זָאג אִיךְ אַז דֶער "פַּאסְט-דָאךְ" לָאזְט נִישְׁט מָשִׁיחַ'ן קוּמֶען.

אַ מֶענְטְשׁ וָואס הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס, פַאר אִים פַּאסְט נִישְׁט צוּ גֵיין צוּ אַ צַדִיק אוּן אוֹיסְהֶערְן וָואס עֶר זָאגְט, וַוייל עֶר אִיז דָאךְ גְרֶעסֶער פוּן דֶעם, עֶר פַארְשְׁטֵייט אַלֶעס אַלֵיין, אוּן דֶערִיבֶּער בְּלַייבְּט עֶר טַאקֶע מִיט זַיינֶע נַארִישְׁקֵייטְן, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט וֶוער עֶס זָאל אִים פִירְן אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג.

דֶערִיבֶּער דַארְף אַ אִיד אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל וִויסְן דֶעם אֱמֶת וואוּ עֶר שְׁטֵייט אוּן וואוּ עֶר הַאלְט, אוּן עֶר זָאל וִויסְן אַז קַיין אֵיין מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט אִינְגַאנְצְן פֶּערְפֶעקְט, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר גֵיין צוּ אַ צַדִיק וָואס וֶועט אִים פִירְן אוּן לֶערְנֶען דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ מַצְלִיחַ זַיין בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת.

### וֶוען דַארְף מֶען זִיךְ יָא גְרוֹיס הַאלְטְן?

וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן טוּן מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען זִיךְ יָא הַאלְטְן גְרוֹיס, דַאן דַארְף מֶען מְקַיֵים זַיין דֶעם פָּסוּק (דִבְרֵי הַיָמִים-ב יז, ו) "וַיִּגְבַּהּ לִבּוֹ בְּדַרְכֵי ה'" - וֶוען מֶען גֵייט אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועגְן, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען זִיךְ יָא הַאלְטְן גְרוֹיס. מִיר זָאגְן בַּיים דַאוֶוענֶען, "הַגַּאֲוָה וְהַגְּדוּלָּה לְחַי עוֹלָמִים", דִי גַאֲוָה אוּן גְרוֹיסְקֵייט דָאס דַארְף מֶען אוֹיסְנוּצְן וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער זֶעלְבֶּער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט זִיךְ גְרוֹיס גֶעהַאלְטְן אִיבֶּער זַיין חַבֵר, עֶר פַארְשְׁטֵייט בֶּעסֶער אוּן עֶר קֶען בֶּעסֶער

<<<<<<

>>>>>>

פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער צוּ עֲבוֹדַת ה' דְרֵייט עֶר אִיבֶּער דִי יוֹצְרוֹת, דַאן וֶוערְט עֶר אַן "עָנָיו", עֶר הַאלְט זִיךְ זֵייעֶר קְלֵיין, אַזוֹי וַוייט אַז עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז צוּ קְלֵיין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בִּכְלַל נִישְׁט קַיין נַחַת רוּחַ פוּן אִים.

דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט לִיבּ אַיינְצוּרֶעדְן אַ מֶענְטְשׁ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים נִישְׁט הָאבְּן, אוּן אַז זַיינֶע מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים זֶענֶען גָארְנִישְׁט וֶוערְד אוּן חָשׁוּב אִין דִי אוֹיגְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף עֶס בִּכְלַל נִישְׁט.

אַ אִיד טָאר זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט לָאזְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, וַוייל דֶער אֱמֶת אִיז פּוּנְקְט פַּארְקֶערְט, דַוְקָא וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען זִיךְ יָא הַאלְטְן גְרוֹיס, מֶען דַארְף וִויסְן אַז יֶעדֶער אִיד אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן יֶעדֶע מִצְוָה, יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט, מַאכְט אַ גְרוֹיסֶער נַחַת רוּחַ פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט בַּיי זִיךְ אַז עֶר אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט עֲבֵירוֹת, עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, דַוְקָא דֶעמָאלְט, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ זַיין וואוֹיל אוּן צוּ טוּן גוּטֶע זַאכְן, וֶועט דָאס זַיין נָאךְ מֶער חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַזוֹי וַוייט, קוּמְט אוֹיךְ צוּרִיק, אוּן אִיז אוֹיךְ זוֹכֶה אַרַיינְצוּכַאפְּן אַ מִצְוָה.

יֶעדֶער אִיד הָאט אִין זִיךְ אַ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה, דִי נְשָׁמָה אִיז אַ חֵלֶק אֱלֹקַי מִמַּעַל, אַ חֵלֶק פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער, יֶעדֶער אִיד הָאט אִין זִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאר דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט פַארְשְׁלָאפְן, עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, אוּן דֶערִיבֶּער לִיגְט עֶר אִינְגַאנְצְן מְיוּאָשׁ אוּן עֶר הָאט נִישְׁט דִי חֵשֶׁק אוּן דִי גֶעשְׁמַאק צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן צוּ טוּן מִצְוֹת.

דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (בְּרָכוֹת ל:) אַז עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען תַּנָּאִים וֶועלְכֶע הָאבְּן זִיךְ גֶעפְרֵיידְט אַ גַאנְצְן טָאג אַז זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֵייגְן תְּפִלִּין, אוּן אַנְדֶערֶע תַּנָּאִים הָאבְּן זִיךְ גֶעפְרֵיידְט מִיט אַנְדֶערֶע מִצְוֹת.

וֶוען אַ אִיד זָאל וִויסְן וִוי חָשׁוּב עֶר אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי חָשׁוּב זַיינֶע מִצְוֹת זֶענֶען בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואלְט עֶר זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט מִיט דֶעם, עֶר וָואלְט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט מִיט זַיין צִיצִית, מִיט זַיין תְּפִלִּין, מִיט זַיין מְזוּזָה אוֹיפְ'ן טִיר, מִיט זַיין הִיטְן שַׁבָּת, מִיט זַיין עֶסְן כָּשֵׁר'ס, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער מִיט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס עֶר כַאפְּט אַרַיין.

אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל תּוֹרָה, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעכַאפְּט צוּ לֶערְנֶען עֶטְלִיכֶע פְּסוּקִים חוּמָשׁ, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעכַאפְּט אַ בְּלַאט גְמָרָא, אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, אַ שְׁטִיקְל מֶדְרָשׁ, אוּן אַבִּיסְל שֻׁלְחָן עָרוּךְ, דַארְף עֶר זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ דֶערְמִיט. חַזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי פֵּאָה ד.) אוֹיף דִי מִשְׁנָה "וְתַלְמוּד תּוֹרָה כְּנֶגֶד כּוּלָם" אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד קֶעגְן אֵיין שְׁטִיקְל תּוֹרָה, דָאס בַּאדַייט אַז דִי בֶּעסְטֶע זַאכְן וָואס מֶען קֶען נָאר הָאבְּן אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט קוּמֶען נִישְׁט צוּ צוּ דִי שְׂכַר פוּן לֶערְנֶען אֲפִילוּ נָאר אֵיין שְׁטִיקְל תּוֹרָה, אוּן זִיכֶער וֶוען מֶען לֶערְנְט נָאךְ מֶער תּוֹרָה.

וֶוען אַ אִיד מַאכְט אוֹיף דִי מוֹיל צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי וַוייט דֶער אִיד אִיז, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן בִּיז יֶעצְט, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לֵייגְן אַלֶעס אִין אַ זַייט אוּן זִיךְ פַארְנֶעמֶען נָאר מִיטְ'ן אוֹיסְהֶערְן וָואס דֶער אִיד הָאט צוּ דֶערְצֵיילְן. צַדִיקִים הָאבְּן גֶעטַייטְשְׁט דָאס וָואס מִיר זָאגְן בַּיים דַאוֶוענֶען "כִּי אַתָּה שׁוֹמֵעַ תְּפִלַּת כָּל פֶּה", בְּפַּשְׁטוּת מֵיינְט דָאס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס דִי תְּפִלּוֹת פוּן יֶעדְנְ'ס מוֹיל, אָבֶּער דֶער וָוארְט "פֶּה" קֶען מֶען אוֹיךְ זָאגְן אַזוֹי וִוי "פֶּע", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס יֶעדֶער שְׁרַייט אוֹיף אִים "פֶּע", אֲפִילוּ אִים הֶערְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיךְ אוֹיס, אוּן עֶר הֶעלְפְּט אִים.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע דַארְף מֶען אוֹיךְ מְחַזֵק זַיין אַ צְוֵוייטְן, וֶוען מֶען זֶעט אַ אִיד וָואס אִיז צוּבְּרָאכְן אוּן צוּקְלַאפְּט, עֶר פִילְט בַּיי זִיךְ אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְט, דַארְף מֶען אִים מְחַזֵק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים זִיכֶער לִיבּ, עֶר אִיז זִיכֶער זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן יֶעדֶע מִצְוָה זַיינֶער אִיז גָאר חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה זִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּ דֶערְהַאלְטְן, פוּן אֵיין זַייט וֵוייסְט עֶר אַז עֶר אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן זַיינֶע מִצְוֹת זֶענֶען זֵייעֶר חָשׁוּב, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט וֵוייסְט עֶר אוֹיךְ אַז עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט צוּגֶעקוּמֶען צוּם שְׁלֵימוּת, עֶר הָאט נָאךְ פְּלַאץ זִיךְ צוּ פַארְרֶעכְטְן, צוּ גֵיין צוּ אַ צַדִיק וָואס זָאל לֶערְנֶען מִיט אִים, דַאן וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ חֵלֶק ח' עֶרֶךְ גַאֲוָה וְחֵלֶק י"ג עֶרֶךְ גַדְלוּת)

>>>>>>

עֶס גֵייט לֵיידִיג, עֶר טוּט נִישְׁט גָארְנִישְׁט, זֶענֶען זַיינֶע תַּאֲווֹת זֵייעֶר גְרוֹיס וְכוּ' אוּן עֶר רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג שְׁמוּצִיג; דָאס זֶעט מֶען לֵיידֶער בַּיי בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס הַאלְטְן נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען אוּן גֵייעֶן לֵיידִיג, זֵיי וָואלְטְן גֶערְן גֶעגַאנְגֶען אַרְבֶּעטְן, נָאר זֵיי הָאבְּן מוֹרָא וָואס וֶועלְן מֶענְטְשְׁן זָאגְן וְכוּ', מְמֵילָא זִיצְן זֵיי אִין כּוֹלֵל אוּן טוּעֶן גָארְנִישְׁט.

וֶוען עֶלְטֶערְן וָואלְטְן גֶעוואוּסְט וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף בָּחוּרִים וֶוען מֶען שִׁיקְט זֵיי בִּכְלַל אִין אַ דָארְמִיטָארִי ה' יְרַחֵם, וּבִפְרַט וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף בָּחוּרִים וָואס מֶען שִׁיקְט זֵיי לֶערְנֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן וָואס זֵיי טוּן וְכוּ', וָואלְט יֶעדֶע טַאטֶע אוּן מַאמֶע גֶעהַאלְטְן דִי קִינְד אִין שְׁטוּבּ! דֶער טַאטֶע וָואלְט אִים מִיט גֶענוּמֶען מִיט זִיךְ בַּיי דִי אַרְבֶּעט אוּן דִי מַאמֶע וָואלְט מִיט אִים גֶעקָאכְט אוּן גֶעבַּאקְן וְכוּ' אוּן נִישְׁט גֶעשִׁיקְט דֶעם בָּחוּר אִין אַ דָארְמִיטָארִי, אוּן כָּל שֶׁכֵּן וְקַל וָחוֹמֶר נִישְׁט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

עֶלְטֶערְן וֵוייסְן נִישְׁט וָואס זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואס טוּט זִיךְ אָפּ מִיט בָּחוּרִים וָואס פָארְן כְּלוֹמֶרְשׁ לֶערְנֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אָדֶער מַאכְט מֶען זִיךְ וִוי מֶען וֵוייסְט נִישְׁט, מֶען זִינְגְט דֶעם נִיגוּן וָואס אַלֶע עֶלְטֶערְן זִינְגֶען: "מַיין בָּחוּר טוּט זִיכֶער נִישְׁט דִי אַלֶע זַאכְן וָואס בָּחוּרִים טוּעֶן".

פָאלְג מִיר, מַאךְ שׁוֹין אַ טִיקֶעט אוּן קוּם אַהֵיים. הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם, קֵיינֶער וֶועט דִיר גָארְנִישְׁט טוּן; וֶוען דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן זֶען דַיין שְׁטַארְקֵייט אַז דוּ מֵיינְסְט עֶס זֵייעֶר עֶרְנְסְט, וֶועלְן זֵיי דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זֵיי הָאבְּן אַ קִינְד וָואס וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, זֵיי וֶועלְן דִיר מְחַזֵק זַיין אוּן הֶעלְפְן אָנְפִילְן דִי צַייט.

אַ שָׁאד אַז מֶען וִויל זִיךְ נִישְׁט אַיינְבֵּייגְן דֶעם קָאפּ פַארְן רֶבִּי'ן; וֶוען אַלֶע וָואלְטְן וֶוען גֶעלֶערְנְט אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי'ן וָואלְט נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין אֵיין עַם הָאָרֶץ בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל, יֶעדֶער וָואלְט גֶעלֶערְנְט, קֵיינֶער וָואלְט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין פְּרָאבְּלֶעם פוּן צוּ סַאךְ צַייט, יֶעדֶע מִינוּט וָואלְט מֶען אוֹיסְגֶענוּצְט פַאר נָאךְ אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת. פְּרוּבִּיר דָאס אוֹיס; נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן הֵייבּ אָן זָאגְן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, אַ מַסֶכְתָּא נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא, דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן עֶפֶּעס וָואס דוּ הָאסְט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט; מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין לֶעבְּן, עֶס הֵייבְּט אָן צִיעֶן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ נָאךְ אוּן נָאךְ תּוֹרָה. מִשְׁנַיוֹת הָאט אִין זִיךְ אַ כֹּחַ אַז עֶס דְרֵייט אִיבֶּער דֶעם מֶענְטְשׁ מִקָצֶה אֶל הַקָצֶה.

אֲפִילוּ אִין אָנְהֵייבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ לֶערְנְסְט, דָאךְ זָאלְסְטוּ וַוייטֶער לֶערְנֶען אָן פַארְשְׁטֵיין; זָאג דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה, דָאס וֶועט דִיר אוֹיסְרֵיינִיגְן פוּן אַלֶע דַיינֶע שְׁלֶעכְטֶס. טְרַאכְט נִישְׁט אַז דֶער סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד אִיז נִישְׁט פַאר דִיר, עֶס אִיז נָאר פַאר שְׁוַואכֶע וְכוּ'; פָאלְג דֶעם רֶבִּי'ן, נֶעם הַיינְט אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן הֵייבּ אָן מַסֶכֶת בְּרָכוֹת, גֵיי כְּסִדְרָן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, זָאג דִי וֶוערְטֶער אוֹיפְן קוֹל אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִיטְאַמָאל דִי פָּשׁוּט'עֶ טַייטְשׁ. אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן אַ מַסֶכְתָּא, נָאכְדֶעם גֵיי צוּ דִי קוּמֶענְדִיגֶע מַסֶכְתָּא בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן אַ סֵדֶר, וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט אַ סֵדֶר זָאלְסְטוּ וַוייטֶער זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן נָאךְ אַמָאל מִשְׁנַיוֹת וְכוּ' וְכוּ', אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן.

אַזוֹי זָאלְסְטוּ אוֹיךְ טוּן מִיט גְמָרָא; הֵייבּ אָן שַׁ"ס. נֶעם אַ מַסֶכֶת בְּרָכוֹת אוּן הֵייבּ אָן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא, הַיינְט זֶענֶען דָא גְמָרוֹת מְנוּקָד, אַז אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס קֶען נִישְׁט קַיין עִבְרִי קֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא; זָאג אַ דַף נָאךְ אַ דַף בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע מַסֶכְתָּא, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן מַסֶכֶת שַׁבָּת, אַזוֹי זָאלְסְטוּ גֵיין כְּסִדְרָן בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ"ס.

**וַוייז דֶעם בְּרִיוו פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן.**

BreslevCenter.com\answers

# הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף דַיין קִינְד

חֲזַ"ל זָאגְן (בַּמִדְבָּר רַבָּה, פַּרְשַׁת נָשֹׂא, פֶּרֶק י"א, סִימָן י"ג) "יְבָרֶכְךָ ה' בְּבָנִים, וְיִשְׁמְרֶךָ בְּבָנוֹת, מְלַמֵד שֶׁהַבָּנוֹת צְרִיכוֹת שְׁמִירָה", נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (סַנְהֶדְרִין ק:) "בַּת לְאָבִיהָ מַטְמוֹנֶת שָׁוְא, מִפַּחְדָהּ לֹא יִישַׁן בַּלַיְלָה, בְּקַטְנוּתָהּ שֶׁמָא תִתְפַּתֶּה, בְּנַעֲרוּתָהּ שֶׁמָא תִזְנֶה, בָּגְרָה שֶׁמָא לֹא תִנָּשֵׂא". עֶלְטֶערְן דַארְפְן זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי טֶעכְטֶער, וַוייל אוֹיבּ דֶערְמַאנְט מֶען זִיךְ צוּ שְׁפֶּעט, קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט אֵייבִּיג צוּרִיק דְרֵייעֶן דֶעם זֵייגֶער, אוֹיבּ זֵיי זֶענֶען שׁוֹין אַרַיינְגֶעפַאלְן חַס וְשָׁלוֹם אִין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן. אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט דִי בָּחוּרִים, אוֹיבּ מֶען גֶעבְּט זִיךְ נִישְׁט אָפּ מִיט זֵיי אוּן מֶען מַאכְט זֵיי נִישְׁט חֲתוּנָה בַּאצַייטְנְס, אִיז לֵיידֶער דָא הַיינְט אַזוֹיפִיל שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן אִין וָואס זֵיי קֶענֶען אַרַיינְפַאלְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן.

אִין דִי הַיינְטִיגֶע צַייטְן, וֶוען דִי וֶועלְט אִיז אַזוֹי אָפְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶס פַאלְן לֵיידֶער אַוֶועק גְרוֹיסֶע שְׁטִיקֶער פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, זִיצְן אַזוֹיפִיל חֲכָמִים וּנְבוֹנִים אוּן טְרַאכְטְן אַלֶע סָארְט עֵצוֹת וִוי אַזוֹי מֶען קֶען רַאטֶעוֶועןדִי יוּגְנְט, אוּן זֵיי כַאפְּן נִישְׁט אַז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה זֵיי צוּ רַאטֶעוֶוען אִיז נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען וֶועט קוּמֶען צוּם שֵׂכֶל אוּן אָנְהוֹיבְּן חֲתוּנָה צוּ מַאכְן דִי קִינְדֶער יוּנְגֶערְהֵייט, נָאךְ אֵיידֶער זֵיי פַאלְן אַרַיין אִין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אוּן אוֹיף דֶעם וֶועג וֶועט מֶען רַאטֶעוֶוען גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל. מֶען קֶען אָבֶער נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז יֶעדֶער וֶועט זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן אוּן זֶען אַז דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג צוּ הֶעלְפְן אוּן רַאטֶעוֶוען דִי קִינְדֶער, דֶערְוַוייל דַארְף יֶעדֶער טַאטֶע זַיין קְלוּג פַאר זִיךְ, אוּן זֶען חֲתוּנָה צוּ מַאכְן זַיינֶע קִינְדֶער וִוי פְרִיעֶר, אוּן דַאן וֶועט עֶר שֶׁעפְּן פִיל אִידִישׁ נַחַת פוּן זֵיי, עֶס וֶועט מְקוּיָם וֶוערְן בַּיי אִים דֶער פָּסוּק (תְּהִלִים קכ"ח, ג') "בָּנֶיךָ כִּשְׁתִלֵי זֵיתִים סָבִיב לְשֻׁלְחָנֶךָ", עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ אֱמֶת'דִיגֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקֶ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (עַיֵין יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן ר"מ, סְעִיף כ"ה, בְּדִבְרֵי הָרַמָ"א) אַז וֶוען קִינְדֶער זֶעעֶן אַז דִי עֶלְטֶערְן ווִילְן זֵיי נִישְׁט חֲתוּנָה מַאכְן, דַארְפְן זֵיי אַלֵיין זִיךְ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ. אוּן נָאךְ מֶער וֶוערְט גֶע'פַּסְקֶ'נְט אַז אוֹיבּ דָאס קִינְד טְרֶעפְט אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אוּן דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען נִישְׁט מַסְכִּים דֶערְצוּ, מֶעג עֶר טוּן דֶעם שִׁידוּךְ אֲפִילוּ אָן רְשׁוּת פוּן דִי עֶלְטֶערְן. אוּן נָאכְדֶערְצוּ וֶוען דִי קִינְדֶער וֵוייסְן בַּיי זִיךְ אַז ווִי לֶענְגֶער זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט, אַלְץ מֶער פַאלְן זֵיי אַרַיין אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, אִיז זִיכֶער אַז זֵיי מֶעגְן זִיךְ אַלֵיין זוּכְן אַ שִׁידוּךְ אוּן זִיךְ חֲתוּנָה מַאכְן אַלֵיין לוֹיט זֵייעֶר פַארְשְׁטַאנְד. דָאס אִיז אָבֶער נִישְׁט דִי לְכַתְּחִילָה'דִיגֶער וֶועג, דִי קִינְדֶער ווִילְן דָאס נִישְׁט טוּן, אָבֶער אַזוֹי ווִי דִי בְּלוּט בְּרֶענְט אִין זֵיי, זֵיי שְׁפִּירְן ווִי זֵיי גֵייעֶן אַרָאפּ פוּן זִינֶען וַוייל זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט, עֶס גֵייט אוֹיף זֵיי אַרִיבֶּער אַזוֹיפִיל שְׁוֶוערִיקֵייטְן אוּן זֵיי שֶׁעמֶען זִיךְ דָאס צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, דֶערִיבֶּער קְלַאפְּט דָאס אוֹיס אוֹיף אַזַא וֶועג אַז דִי קִינְדֶער הוֹיבְּן אָן וֶוערְן חוּצְפָּה'דִיג קֶעגְן דִי עֶלְטֶערְן. אוּן דָאס דַארְפְן דִי עֶלְטֶערְן גוּט ווִיסְן אוּן פַארְשְׁטֵיין, אַז דִי קִינְדֶער זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט שְׁלֶעכְט, זֵיי דַארְפְן פָּשׁוּט חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן דַאן וֶועלְן זֵיי וֶוערְן בַּארוּאִיגְט אוּן בַּאזֶעסְן, אוּן דִי עֶלְטֶערְן וֶועלְן זֶען אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן זֵיי.

אִין דִי צַייטְן פוּן רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען אַ בָּחוּר וָואס פְלֶעגְט מַאכְן אַסַאךְ צָרוֹת אוּן מַמָשׁ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דִי שְׁטָאט, מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט קַיין עֵצָה גֶעבְּן מִיט אִים. עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אַרַיינְכַאפְּן אִין דִי שְׁטַאלְן פוּן דִי בְּהֵמוֹת אוּן צוּזַאמְבִּינְדֶען וֵויידְלֶעךְ, עֶר פְלֶעגְט עֶפֶענֶען דִי טִירְן אוּן לָאזְן דִי בְּהֵמוֹת אַנְטְלוֹיפְן, בַּיינַאכְט פְלֶעגְט עֶר צֶעבְּרֶעכְן פֶענְסְטֶערְס, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אִיז עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר ווִילְד אוּן אָנְגֶעמַאכְט גְרוֹיסֶע צָרוֹת פַאר יֶעדְן.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז זַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן דִי מֶערְסְטֶע גֶעלִיטְן פוּן אִים, אוּן דֶער טַאטֶע אִיז גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי נָתָן זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן זַיין הַארְץ אַז עֶר קֶען שׁוֹין מֶער נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן פוּן דֶעם בָּחוּר וָואס מַאכְט אִים אָן אַזוֹיפִיל צָרוֹת.

הָאט רֶבִּי נָתָן אִים גֶעזָאגְט מִיט אַ פַּשְׁטוּת: "מַאךְ אִים חֲתוּנָה וֶועט עֶר זִיךְ בַּארוּאִיגְן אוּן עֶס וֶועט אַלֶעס זַיין גוּט". דֶער טַאטֶע הָאט גֶעפָאלְגְט אוּן גְלַייךְ גֶעזוּכְט אַ שִׁידוּךְ פַאר זַיין בָּחוּר אוּן אִים חֲתוּנָה גֶעמַאכְט, אוּן נָאךְ דִי חֲתוּנָה אִיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַן אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן, עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ פֵיינֶער אִינְגֶערְמַאן, אוּן דֶער טַאטֶע הָאט גֶעהַאט פִיל נַחַת פוּן אִים.

(קוּנְטְרֵס הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף דַיין קִינְד)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## יום טוב שבועות בין כותלי הישיבה

א הערליכע יום טוב האבן די בחורים אפגעראכטן אין ישיבה, אינאיינעם כאיש אחד בלב אחד האט מען פון פריש מקבל געווען די תורה.

שבועות ביינאכט זענען זיך אלע בחורים צוזאמגעקומען אינאיינעם מיט אנשי שלומינו צו זאגן צוזאמען תיקון ליל שבועות, קודם האט זיך יעדער געלערנט זיינע שיעורים, אזוי ווי מוהרא"ש זאגט אז שבועות ביינאכט זאל מען לערנען אביסל פון יעדע לימוד וואס מען וויל לערנען במשך די יאר, און דאס איז א סגולה אז מען זאל טאקע זוכה זיין צו לערנען א גאנץ יאר די שיעורים.

דערנאך האט מען אינאיינעם געזאגט די תיקון ליל שבועות מיט גרויס התעוררות און געשמאק. אינצווישן האט מען אויך געזונגען ווארימע ניגונים, זיך אויסבעטנדיג ביים אייבערשטן אין די הייליגע נאכט אז מען זאל זוכה זיין צו מקבל זיין די תורה ווי עס דארף צו זיין, צו זוכה זיין צו לערנען און צו מקיים זיין די תורה.

שפעטער האט מען זיך געשטעלט דאווענען, א שיינע ווארימע דאווענען נאכגעפאלגט מיט די הייליגע פיוט אקדמות און קבלת התורה, מיט גרויס דערהויבנקייט.

עס האט זיך געשפירט אין די לופט די דערהויבנקייט פון די הייליגע מאמענטען, ווען מען האט זוכה געווען פון פריש מקבל צו זיין די תורה.

**קבועין כן תהווין בהנהו חבורתא!**

# מוסדות היכל הקודש ברסלב

# סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **מרדכי אהרן היילפרין** הי"ו **וזוגתו תחי'**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

ר' מרדכי אהרן איז שטענדיג גאר שטארק ביהילפיג פאר אונזערע מוסדות, ובפרט פאר די קעמפ, און מרת היילפרין איז א לערערין אין די בית פיגא סקול, זאל דער אייבערשטער העלפן אז די געוואלדיגע זכותים זאלן זייביישטיין ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון די קינדער געזונטערהייט, דורות ישרים ומבורכים, בני ברוכי, חיי ארוכי ומזוני רויחי


## מוסדות היכל הקודש ברסלב

נעמט אהיים א פושקע פון די הייליגע מוסדות פאר די געוואלדיגע סגולות געהאלפן צו ווערן בדבר ישועה ורחמים ביים ליכט צינדען און צו יעדע צייט, דורכ'ן מחזק זיין די הייליגע מוסדות וואס זענען א לייכט טורעם פאר די גאנצע וועלט

**אויסצולייזיגן א פולע פושקע און צו באקומען א נייע**

**וויליאמסבורג 347-578-5726 - בארא פארק 347-760-5924**

**מאנסי 917-789-3095 - קרית יואל 845-238-0804**

## הבטחת מוהרא"ש

**מוהרא"ש האט צוגעזאגט און מבטיח געווען אז ווער עס וועט ארויסהעלפן דאס דרוקן דעם ספר הקדוש**

# אשר בנחל

**וועט זיכער זען א גרויסע ישועה און געהאלפן ווערן למעלה מדרך הטבע מיט וואס ער דארף.**

יעצט האט איר די געלעגנהייט צו האבן א חלק אין דרוקן "אשר בנחל" און געהאלפן ווערן מיט בני חיי ומזוני, זיווגים הגונים, רפואות וישועות.

**רופט שוין 845-248-1651**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; און נאך** < 212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

< BreslevCenter.com >

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך**
212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

הגליון נתנדב לזכות יחזקאל בן רחל פיגא, וזו' הענדיל בת שיינדל, ובנם נחמן נתן